**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט השפעה וואס 10 מיליאן דאלארדיגע יערליכע אינוועסטירונג וועט האבן ביים פארמערן שטיצע פאר SUNY סטודענטן מיט דיסאביליטיס**

***פינאנצירונג פארטיילט פאר SUNY'ס סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן דורכאויס דעם יאר היסטארישע 163 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין געלט פאר אנגייענדע אפעראציעס***

***אינפארמאציע בלאט איבערכעכענדיג קאמפוס איניציאטיוון פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט וויאזוי די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) קאמפוסן טוהען אינוועסטירן די כמעט 10 מיליאן דאלאר אין יערליכע סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן סטודענטן וואס אידענטיפיצירן זיך אז זיי האבן דיסאביליטיס. די פינאנצירונג איז פארזיכערט געווארן דורך די היי-יאריגע היסטארישע 163 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין דירעקטע הילף פאר אנגייענדע אפעראציעס אין SUNY'ס סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן.

"אזוי ווי מיר קעמפן צו ארייננעמען יעדן, צייכענען מיר אפ א דערגרייכונג אין אונזער פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז יעדער סטודענט האט די געלעגנהייט צו בליהען אין ניו יארק און אין SUNY", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היסטארישע פינאנצירונג שטרייכט אונטער אונזער איבערגעגעבנקייט צו שאפן א חינוך'דיגע אטמאספערע וואו יעדער קען נאכפאלגן זייערע חלומות און ערייכן הצלחה. צוזאמען וועלן מיר בויען א צוקונפט וואו פארשידנארטיגקייט ווערט נישט בלויז אנערקענט נאר באשיינט, און וואו די פאטענציאל פון יעדער מענטש ווערט אנערקענט און ערנערט."

**ניו יארק סטעיט טשיעף דיסאביליטי אפיסער, קים היל ריידלי, האט געזאגט,** "דאס גיבן פאר אונזערע קאלעדזש סטודענטן מיט דיסאביליטיס אלע כלים וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין איז נויטיג כדי זיי זאלן קענען ווערן אונזערע גוט-קוואליפיצירטע ארבייטער פון דעם מארגנדיגן טאג. נעמנדיג אין באטראכט דאס אז די באשעפטיגונג ראטע פון מענטשן מיט דיסאביליטיס איז אזוי סאך וויייניגער פון די ראטע צווישן אנדערע וואס האבן נישט קיין דיסאביליטיס, גייט די אינוועסטירונג האט ביי האנט מיט אלע אנדערע איניציאטיוון וואס גאווערנער האקול הויבט אן אין די באמיאונג צו באדייטנד פארבעסערן די באשעפטיגונג ראטע פון ניו יארק'ס דיסאביליטי קאמיוניטי. דאס איז א באדייטנדע געווינס!"

SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוּניאר האט באזוכט די SUNY College of Optometry, וואו ער האט זיך געטראפן מיט יעצטיגע און צוקונפטיגע סטודענטן און פארשער ביי די קלינישע זעה קראפט פארשונג צענטער. SUNY Optometry פלאנירט צו אויסנוצן זייער ‎$250,000 אין פינאנצירונג צו שטיצן סטודענטן מיט דיסאביליטיס דורכן אויפשטעלן א צענטער פאר אויסלערנונג און אויסלערנונג (Center for Teaching and Learning) וואס וועט ארייננעמען די אפיס פון דיסאביליטי/צוגענגליכקייט סערוויסעס. דורך די צענטער וועט SUNY Optometry אויפנעמען א לערנען ספעציאליסט צו ווייזן די וועג פאר סטודענטן מיט דיסאביליטיס צו אויפקומען מיט סטראטעגיעס צו אמבעסטן שטיצן זייערע

ספעציפישע לערנען פלענער און ארויסהעלפן די איינגעשטעלטע צו אננעמען אן אינקלוסיווע צוגאנג ביים אויסלערנען אזעלכע סטודענטן.

**SUNY טשענסעלאר קינג האט געזאגט,** "SUNY איז פארפליכטעט צו די הצלחה פון סטודענטן און צו פארשידנארטיגקייט, גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן — און דאס רעכנט אריין צו זיכער מאכן אז אונזערע קאמפוסן זענען אריינגעמנדע און שטיצנדע אטמאספערעס פאר סטודענטן מיט דיסאביליטיס. א דאנק די היסטארישע אינוועסטירונג דורך גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור אין SUNY'ס אנגייענדע אפעראציעס בודזשעט פאר 2023-24, טוט SUNY אינוועסטירן ערשטמאליגע שטאפלען פון אנהאלטנדע פינאנצירונג פון כמעט 10 מיליאן דאלאר פער יאר צו שטיצן סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן צו פארמערן שטיצע פאר סטודענטן מיט דיסאביליטיס דורכן צושטעלן מער צוגענגליכקייט ביי קלאסן, אנגייענדע פראפעסיאנאלע טרענירונג פאר איינגעשטעלטע און הילף מיט די אריבערגאנג פון היי סקול צו קאלעדזש צו קאריערעס."

**סטעיט סענאטארשע טאָובי ען סטאוויסקי האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר סטודענטן ביי SUNY'ס סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן די זעלבע געלעגנהייטן צו לערנען, וואקסן און פארבעסערן זייערע אויסזיכטן פאר הצלחה אין די צוקונפט פונקט ווי יעדער אנדערער סטודענט. די פינאנצירונג וועט גיין א לאנגע וועג ביים זיכער מאכן אז די וועלכע לעבן מיט דיסאביליטיס האבן צוטריט צו די זעלבע פארפילנדע בילדונג ערפארונג ווי זייערע פריינט. די פינאנצירונג איז פאר די מער פון SUNY 30,000 סטודענטן וועלכע וועלן בענעפיטירן דערפון."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "SUNY זעצט פאר צו באלייכטן די וועג אויף פאראויס מיט נייע סארטן אינוועסטירונגען וואס לייגט גערעכטיגקייט אין צענטער אויף אונזערע קאמפוסן אריבער ניו יארק סטעיט. "די 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט פארגרינגערן שטרויכלונגען און שטיצן סטודענטן מיט דיסאביליטיס, ארויסהעלפן צו איינקויפן נייע צוגענגליכקייט טעכנאלאגיע און עקוויפמענט, צושטעלן נייע פיזישע פלאץ און העלפן סטודענטן מיט די אריבערגאנג פון היי סקול צו קאלעדזש אויף א גלאטערע וועג. אונזער 163 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין הילף פאר אנגייענדע אפעראציעס וואס איז פארזיכערט געווארן לעצטע יאר צאלט זיך אפ פאר ניו יארק'ס סטודענטן און קאמפוסן, און איך לויב אויס טשענסעלאר דזשאן קינג פאר זיין חזון פון א SUNY וואו יעדער סטודענט האט די געלעגנהייט צו מצליח זיין און צו ערפילן זייער טרוים צו באקומען א העכערע בילדונג."

**SUNY College of Optometry פרעזידענט, דעיוויד א. היט, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די נייע צוגעלייגטע געלטער וואס ווערן צוגעשטעלט פאר די קאלעדזש. די געלטער ערלויבן אונז נישט נאר צו אויסברייטערן אונזערע דיסאביליטי און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, נאר אויך צו פארשטערקערן אלע אונזערע סטודענטן'ס געפיהל פון וואוילזיין און מעגליכקייט צו ארויסנעמען די מאקסימום פון זייער לערנען. למעשה וועט דאס זיי העלפן פארשטערקערן די העלטקעיר ערפארונג וואס זיי גיבן פאר די קאמיוניטיס וועם זיי באדינען."

אנדערע SUNY קאמפוסן נוצן אויס זייער חלק פון די כמעט 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונג צו אויסברייטערן סערוויסעס פאר סטודענטן וואס אידענטיפיצירן זיך אלס האבנדיג דיסאביליטיס אין פארשידענע וועגן, אריינרעכענענדיג:

- אלע 29 סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן וועלן אויפנעמען איינגעשטעלטע צו פארקלענערן שטרויכלונגען און שטיצן סטודענטן מיט דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג מיט דיסאביליטי סערוויסעס קאארדינעיטארס, לערנען ספעציאליסטן, פיזישע צוגענגליכקייט ספעציאליסטן און

עלעקטראנישע אינפארמאציע טעכנאלאגיע (electronic information technology, EIT) צוגענגליכקייט אפיצירן.

- צום ווייניגסטנס 25 קאמפוסן וועלן איינקויפן נייע צוגענגליכקייט טעכנאלאגיע און עקוויפמענט פאר די באנוץ פון סטודענטן און איינגעשטעלטע צו זיכער מאכן אז סטודענטן קענען צוקומען צו די דיגיטאלע און פנים-אל-פנים מאטעריאלן פון די קורסן.
- צום ווייניגסטנס 24 קאמפוסן וועלן אינוועסטירן אין פארבעסערונגען צו די פיזישע פלאץ אויף די קאמפוס צו זיין מער צוגענגליך פאר סטודענטן מיט דיסאביליטיס.
- צום ווייניגסטנס 21 קאמפוסן וועלן צושטעלן אנגייענדע פראפעסיאנאלע טרענירונג פאר איינגעשטעלטע איבער נושאים ווי למשל וויאזוי צו שטיצן סטודענטן מיט דיסאביליטיס.
- צום ווייניגסטנס 8 פראגראמען אנטוויקלען זומער אריבערגאנג פראגראמען צו העלפן שטיצן סטודענטן מיט דיסאביליטיס מיט זייער אריבערגאנג פון הייו סקול צו די פארלאנגן פון קאלעדזש.
- צום ווייניגסטנס 11 קאמפוסן נוצן די געלטער צו שטיצן אנדערע נייע סארטן שטיצע מיטלען קאנצענטרירט אויף דעם סטודענט פאר סטודענטן מיט דיסאביליטיס.

אן אינפארמאציע בלאט אויסרעכנענדיג קאמפוס אינציאטיוון איז פארעפנטליכט דא.

לויט די ציפערן וואס זענען באריכטעט געווארן צו די ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט, האבן מער פון 30,000 SUNY סטודענטן באריכטעט אז זיי האבן א דיסאביליטי, וואס מיינט אויך אז 39% פון די קאלעדזש סטודענטן אידענטיפיצירן זיך אלס האבנדיג דיסאביליטיס אין די גאנצע סטעיט גייען צו א SUNY מוסד. אבער לויט אן אנאליז פון די נאציאנאלע צענטער פאר בילדונג סטאטיסטיקס (National Center for Education Statistics, NCES) האבן נאר 37% פון קאלעדזש סטודענטן ווא האבן געהאט א דיסאביליטי אין קאלעדזש דאס באריכטעט בשעת זיי זענען געווען אין קאלעדזש. די NCES האט געפונען אז סטודענטן וואס האבן באריכטעט זייער דיסאביליטי זענען געווען מער ווארשיינליך צו פלאצירט ווערן אין יסודות'דיגע קורסן און צו אויסנוצן אקאדעמישע סערוויסעס.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק – וואס האט געפייערט איר 75'סטע יארטאג אין 2023 – איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY's 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבער די סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערן, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע שולעס, צוויי ציין-דאקטער שולעס, אן אדוואקאט שולע, די לאנד'ס עלטסטע וואסער שולע, די סטעיט'ס איינציגסטע אויגן-דאקטער שולע, און פירט אן איין אמעריקאנער ענערגיע דעפארטמענט נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכנענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן